**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/29/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול גיבט ארויס א מעלדונג באעהרנדיג ניו יארק'ס וויעטנאם וועטעראנען און זייערע פאמיליעס פאר זייער דינסט און מסירות נפש

***סטעיט וויכטיגע געביידעס וועלן באלאכטן ווערן אין קאלירן פון וויעטנאם דינסט מעדאל***

***היינט איז די 50'סטע יארטאג זינט די לעצטע אמעריקאנע טרופן האבן פארלאזט וויעטנאם***

***לייענט די מעלדונג [דא]()***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט ארויסגעגעבן א [פראקלאמאציע]() דעקלערנדיג מערץ 29, 2023 אלץ וויעטנאם וועטעראנען טאג. די פראקלאמאציע אנערקענט די דינסט און מסירות נפש פון ניו יארק'ס וויעטנאם קריג וועטעראנען אויף דעם 50'סטן יארטאג פון די דאטום ווען די לעצטע אמעריקאנע קאמף טרופן האבן פארלאזט די וויעטנאם רעפובליק. אין צוגאב האט גאווערנער האקול געהייסן אז וויכטיגע סטרוקטורן אריבער ניו יארק סטעיט זאלן באלאכטן ווערן אין גרין, געל און רויט אין אנערקענונג פון וויעטנאם וועטעראנען טאג. די דריי קאלירן באצירן די וויעטנאם דינסט מעדאל וואס פאראייניגטע שטאטן סאלדאטן וועלכע האבן געדינט דורכאויס די וויעטנאם קריג האבן באקומען. סאלדאטן וועלכע זענען באעהרט געווארן מיט די מעדאל האבן געדינט אויפן שטח אין וויעטנאם, קאמבאדיע, לאָאס, טאילאנד אדער אין די דערנעבנדע וואסערן אדער לופט פון העכער די פלעצער.

"וויעטנאם וועטעראנען פארדינען זיך די העכסטע רעספעקט און אנערקענונג פאר זייער אומבאגרייפליכע דינסט פאר אונזער סטעיט און לאנד," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אין ניו יארק ארבעטן מיר יעדן טאג צו פארזיכערן אז זייער דינסט און מסירות נפש ווערט אויסגעלויבט און געדענקט, און עס איז מיר א כבוד צו פייערן ניו יארק'ס 207,000 וויעטנאם וועטעראנען אויף די היי-יאריגע וויעטנאם וועטעראנען טאג."

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון וועטעראנען סערוויסעס (Division of Veterans' Services) דירעקטארין, וויוויאנא דעקאָוהען, האט געזאגט,** "פאר צו לאנג זענען אונזערע וויעטנאם וועטעראנען זענען איבערגעלאזט געווארן אליין אן די רעספעקט און עהרע וואס זיי האבן זיך פארדינט פאר זייער קוראזשפולע דינסט. איך בין שטאלץ אז יעצט און דא אין ניו יארק זענען מיר איבערגעגעבן צו זיכער מאכן אז די אלע וועלכע האבן געדינט ווערן געזעהן, אויסגעלויבט און אפלאדירט פאר זייער אויסערגעווענטליכע ארבעט פאר אונזער לאנד. אויף דעם וויעטנאם וועטעראנען טאג און יעדן טאג דאנקען מיר זיי פאר זייער דינסט."

א געשאצטע 207,000 וויעטנאם קריג וועטעראנען וואוינען היינט אין ניו יארק סטעיט, און 4,119 ניו יארק סטעיט זענען אומגעקומען דורכאויס די קריג אין פארטיידיגונג פון דעם לאנד און די ווירדן פאר וועלכע זי שטייט. זייערע נעמען געפונען זיך צווישן די 58,276 נעמען וועלכע זענען אויסגערעכנט אויף די

וויעטנאם דענקמאל וואנט אין וואשינגטאן די סי. די ניו יארק סטעיט וויעטנאם דענקמאל געפונט זיך אויף די עמפייער סטעיט פלאזא אין אלבאני.

די פאלגנדע סטרוקטורן אין די סטעיט וועלן באלאכטן ווערן אין גרין, געל און רויט היינט נאכט:

1. וואן ווארלד טרעיד צענטער
2. גאווערנאר מאריאו מ. קאומאו בריק
3. קאַסיאָסקאָו בריק
4. די ה. קארל מעקאל SUNY געביידע
5. סטעיט עדזשוקעישען געביידע
6. אלפרעד ע. סמיט סטעיט אפיס געביידע
7. עמפייער סטעיט פלאזא
8. סטעיט פעירגראונדס - הויפט ארייננגאנג טויער און עקספא צענטער
9. ניאגארא וואסערפאלן
10. דער "פראנקלין ד. רוזוועלט" מיד-האדסאן בריק
11. אלבאני אינטערנאציאנאלע לופטפעלד ארייננגאנג
12. MTA LIRR - מזרח זייט טויער ביי פען סטאנציע
13. פעירפּאָרט ליפט בריק העכער די ערי קאנאל
14. מויניהאן באן האל

**וועגן די אפטייל פון וועטעראנס סערוויסעס**
די ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון וועטעראנען סערוויסעס – וואס האט געדינט אלץ די סטעיט'ס שתדלנות אגענטור פאר וועטעראנען, מיליטער מיטגלידער און מיליטער פאמיליעס זינט 1945 – האלט זיך צו אן איבערגעגעבנקייט אין די אגענטור צו דינען אלע וועטעראנען, מיליטער מיטגלידער און מיליטער פאמיליעס מיט א ברייטע רייע פון סערוויסעס, אריינרעכענענדיג מיט קלעימס און אפעלירונגען פאר בענעפיטן פון די פאראייניגטע שטאטן דעפּארטמענט פון וועטעראנען אנגעלעגנהייטן (Department of Veterans Affairs), אפעלירונגען פאר די טיטל נאכן באפרייט ווערן צו די פאראייניגטע שטאטן פארטיידיגונג דעפּארטמענט (Department of Defense) און מיט קלעימס פאר ניו יארק סטעיט בענעפיטן. וועטעראנען, מיליטער מיטגלידער און מיליטער פאמיליעס ווערן געמוטיגט זיך צו פארבינדן מיט די דיוויזיע אויף 888-838-7697 אדער אויף איר וועבזייטל veterans.ny.gov זיך צו טרעפן מיט א טרעינירטער וועטעראנען בענעפיטן אדווייזאר – פערזענליך אדער אויף א ווירטואלן פארנעם – צו אדרעסירן זייערע באדערפענישן און צו באקומען די פולשטענדיגע סומע פון בענעפיטן וואס קומט זיך זיי. פּאַלאָוט די DVS אויף Facebook, Instagram און Twitter.

###